בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# גְלֵייבּ אִין דֶעם צַדִּיק בִּתְמִימוּת

וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, גֶעזָאגְט גָעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת וְויאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

## הִילוּלַת רַבֵּינוּ זַ"ל חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָּארְכְטִיגֶער רֶבִּי, דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט, וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**מתיבתא היכל הקודש**
Mesifta Heichal Hakodesh
1129-42nd Street
Brooklyn NY 11219

**מוסדות היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
ישיבה אפיס **718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
79 Decatur Avenue.
**347-243-2992**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site: www.breslevcity.co.il**

לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at:**

**amazon.com** or at: **mohorosh.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-481-3321**

breslevcity.co.il

# גְלֵייבּ אִין דֶעם צַדִיק
# בִּתְמִימוּת

אִיךְ וִויל אָפְּגֶעבְּן אַ שְׁבַח וְהוֹדָאָה פַאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוֹיפְן חֶסֶד וָואס עֶר הָאט מִיט מִיר גֶעטוּעֶן, אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועזן צוּ דֶערְלֶעבְּן אוּן זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיוּן דֶעם יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה – תשע"ג, אַ דַאנְק דִי פִיל תְּפִלּוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גְלַייךְ נָאךְ דִי אַפֶּערַאצְיֶע, וֶוען מֶען הָאט אַרָאפּ גֶענוּמֶען פוּן מִיר דִי מַכְשִׁירִים, אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעקֶענְט אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן, אִיז מַיין עֶרְשְׁטֶע בַּקָשָׁה

breslevcity.co.il

גֶעוֶוען: 'אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין כָּאטְשׁ אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, צוּ קֶענֶען זַיין אִין אוּמַאן'. אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען דֶערְצוּ, אוּן יֶעצְט הָאבְּן מִיר דֶערְלֶעבְּט אַז מִיר זֶענֶען זִיךְ דָא צַאמְגֶעקוּמֶען בַּיים הִילוּלָא פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דִי גְמָרָא זָאגְט (תַּעֲנִית ז ע"ב): אַז אַ טָאג וָואס עֶס רֶעגְנְט אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַזוֹי וִוי דֶער טָאג וָואס עֶס אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן דֶער הִימְל אוּן דֶער עֶרְד. אוֹיךְ רֶעכְנְט דִי גְמָרָא אוֹיס נָאךְ עֶטְלִיכֶע זַאכְן פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט אוּן דִי מוֹרָא'דִיגֶע עֵת רָצוֹן וָואס עֶס אִיז פַארְהַאן וֶוען עֶס רֶעגְנְט (עַיֵּין שָׁם). אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן, אַז יֶעצְט אִין דִי טָאג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס הִילוּלָא, וָואס אִיז אוֹיךְ דִי אוּשְׁפִּיזָא פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, הָאבְּן מִיר אַ רֶעגְן, זָאל דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַוַודְאַי הֶעלְפְן אַז דִי זְכוּת זָאל בַּיישְׁטֵיין פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוּן מֶען זָאל שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן.

breslevcity.co.il

# א.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קט"ו): אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת כ, יח): וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים. אַז דִי 'פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן' שְׁטֵייעֶן וַוייט, וֶוען זֵיי זֶעהְן אַ 'נֶעפְּל', דָאס הֵייסְט זֵיי זֶעהְן אַז זֵיי זֶענֶען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַ פִינְסְטֶערְנִישְׁט, אוּן עֶס אִיז דָא שְׁוֶועֶרֶעקַייטְן, אוּן זֵיי מֵיינֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן, אוּן עֶר בַּאוַוייזְט זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט הַיינְטִיגֶע צַייטְן, אוּן עֶס אִיז אַ 'הֶסְתֵּר פָּנִים', וָואס פוּן דֶעם קוּמְט, אַז אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַוֶועק, וַוייל עֶס קוּמְט זֵיי אַרַיין קַשְׁיוֹת וֶוען עֶס גֵייט זֵיי נִישְׁט אַזוֹיווי זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט, אָבֶּער 'מֹשֶׁה רַבֵּינוּ' הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט: אַז אִין דִי פִינְסְטֶער אוּן אִין דִי מְנִיעוֹת, אִיז דָארְטְן אוֹיכֶעט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל וֶוען אָנְפַאנְגֶען צוּ קוּקְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים, וָואלְט עֶר

breslevcity.co.il

בַּאוואוּנְדֶערְט דִי מוֹרָא'דִיגֶע 'הַשְׁגָחָה פְּרָטִיוּת' אוֹיף יֶעדֶע טְרִיט אוּן שְׁרִיט.

חֲזַ"ל הָאבְּן מְתַקֵן גֶעוֶועְן צוּ זָאגְן הוּנְדֶערְט בְּרָכוֹת יֶעדְן טָאג (מְנָחוֹת מג ע"ב). אוּן דֶער יְרוּשַׁלְמִי רוּפְט דָאס אָן הוּנְדֶערְט 'מִצְווֹת', וָואס יֶעדֶער אִיד הָאט יֶעדְן טָאג (בְּרָכוֹת פֶּרֶק ט, הֲלָכָה ה). וָואס עֶר לוֹיבְּט אוּן דַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף יֶעדְן פְּרַט, נָאר מִיר הֶערְן זִיךְ נִישְׁט צוּ, צוּ וָואס מִיר זָאגְן, אוּן אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז דָאס אִיז נַאטוּרְלִיךְ, אוּן אַז עֶס דַארְף אַזוֹי צוּ זַיין, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ז): אַז אַלֶע כּוֹפְרִים ווִילְן אַרַיין לֵייגְן אִין יֶעדֶע זַאךְ אַז דָאס אִיז אַ 'טֶבַע, מִקְרֶה, מַזָל', אוּן וֶוען דָאס וֶועט בָּטֵל וֶוערְן, וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה, וַוייל דֶער עִיקָר גָלוּת אִיז נָאר וַוייל עֶס פֶעלְט אֱמוּנָה, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין דִי אֱמוּנָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, מִיט אִים, בַּיי אִים, אוּן לֶעבְּן אִים, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס

breslevcity.co.il

עֶס פִירְט זִיךְ מִיט אִים, אִיז אַלֶעס בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִיוֹת, אִיז דָאס זַיין גְאוּלָה.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זָאגְט (תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף, פַּרְשַׁת שְׁמִינִי): אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים סט, יט): **קָרְבָה אֶל נַפְשִׁי גְאָלָהּ**, אַז אַזוֹי וְוי עֶס אִיז דָא אַ 'גְאוּלָה כְּלָלִיוֹת' וָואס מִיר הָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֶועט אוּנְז אַוַודְאַי הֶעלְפְן, אוּן עֶר וֶועט אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָא אַ 'גְאוּלָה פְּרָטִיוֹת', דָאס הֵייסְט, יֶעדֶער אִיד פַּאר זִיךְ קֶען זִיךְ אוֹיסְלֵייזְן, אוּן עֶר מוּז נִישְׁט זַיין אוּנְטֶער אַזַא מִין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אָבֶּער דָאס אִיז מֶען זוֹכֶה, נָאר אַז מֶען אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק (שָׁם) **וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק**, דֶער הַמוֹן עַם שְׁטֵייט וַוייט, דָאס הֵייסְט עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן אוּנְז, אָבֶּער: **וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל**, משֶׁה רַבֵּינוּ גֵייט אַרַיין אִין דִי עֲרָפֶל אוּן עֶר וַוייזְט אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים,

breslevcity.co.il

אַז דָארְטְן אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אֲפִילוּ אִין דִי 'טֶבַע מִקְרֶה מַזָל', אִיז אוֹיכֶעט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן יז): מִיר וֵוייסְן נִישְׁט וָואס הֵייסְט 'טֶבַע' אוּן וָואס הֵייסְט 'הַשְׁגָחָה', אַלֶעס אִיז אֵיין זַאךְ, אוּן דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה אִיז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער, ווַייל דִי הַשְׁגָחָה אִיז מְלוּבָּשׁ אִין דִי טֶבַע, אוּן דִי גַאנְצֶע טֶבַע אִיז אֵיין שְׁטִיק הַשְׁגָחָה.

עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (אִיּוֹב כו, ז): תֹּלֶה אֶרֶץ עַל בְּלִי מָה, דֶער גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף גָארְנִישְׁט, נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער הַאלְט עֶס יֶעדֶע מִינוּט אוּן יֶעדֶע סֶקוּנְדֶע. הַיינְט קֶען מֶען דָאס זֶעהְן, וֶוען מֶען פְלִיעְט אַרוֹיף אִין סְפֶּעי"ס, אַז דֶער גַאנְצֶער 'כַּדוּר הָאָרֶץ' אִיז אַזוֹי וִוי אַ בָּא"ל, וָואס רוֹב פוּן דֶעם בָּא"ל אִיז וַואסֶער, אוּן דָאס הַאלְט זִיךְ אוֹיף גָארְנִישְׁט נָאר דוּרֶעכְן בַּאשֶׁעפֶער.

breslevcity.co.il

## ב.

יֶעצְט וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן אִינֶעם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, דַארְף מֶען אַרֵיינְנֶעמֶען אִין זִיךְּ, אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְּ דֶערְהַאלְטְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע אוּן בִּיטֶערְסְטֶע צַייטְן; דֶערְפַאר וֶוערְט דִי סוּכָּה אָנְגֶערוּפְן 'צִלָּא דִמְהֵימְנוּתָא', דִי שָׁאטְן פוּן אֱמוּנָה. אוּן וֶוען מֶען גֵייט אַרַיין אִין דִי סוּכָּה, וֶוערְט מֶען נִיצוֹל פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס (זוֹהַר הַקָדוֹשׁ, אֱמוֹר, קג). אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט נָאר דִי זִיבְּן טֶעג, וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז אַ מִצְווֹת עֲשֵׂה אַז מֶען דַארְף זַיין אִין דִי סוּכָּה, אַזוֹי וְוִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (וַיִקְרָא כג, מב): בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים, מֶען זָאל זִיצְן אִין סוּכָּה זִיבְּן טֶעג. אוּן מֶען דַארְף מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַזוֹיוְוי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט גֶעהֵייסְן, נָאר מֶען דַארְף דָאס מִיטְנֶעמֶען אוֹיךְּ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, וַוייל סוּכָּה אִיז אַ זֵכֶר צוּ דִי 'עֲנָנֵי כָּבוֹד' (סוּכָּה יא ע"ב). וָואס דָאס הָאט בַּאשִׁיצְט אוּן אַרוּמְגֶענוּמֶען דִי אִידְן פֶערְצִיג יָאר אִין מִדְבָּר, אוּן קֵיינֶער הָאט זֵיי נִישְׁט

breslevcity.co.il

גֶעקֶענְט שְׁלֶעכְטְס טוּעֶן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים אַוַודְאַי הֶעלְפְן, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מְחַזֵק, אוּן עֶר אִיז נָאךְ מְחַזֵק אַנְדֶערֶע אוֹיךְ, דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף זֶעהְן מוֹרָא'דִיגֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קפ"ד): מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט מִיט אַ אַנְדֶערְן, וֶוערְט אַ 'אוֹר יָשָׁר' אוּן וֶוען דִי וֶוערְטֶער קְלַאפְּט צוּרִיק צוּ אִים, וֶוערְט אַ 'אוֹר חוֹזֵר', דָאס הֵייסְט, אַז אֲפִילוּ דִי וֶוערְטֶער פּוֹעֶלְ'ט נִישְׁט בַּיי יֶענֶעם, וֶועט דָאס כָאטְשׁ פּוֹעֶלְ'ן בַּיי אִים, דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְן צוּ מְחַזֵק זַיין אַ אַנְדֶערְן אִיד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ק"ו): אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִים מא, ב): **אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָל,** ווארויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר גֶעט אַרַיין שֵׂכֶל פַאר אַן אָרִימַאן. וָואס הֵייסְט גֶעבְן שֵׂכֶל פַאר אַן אָרִימַאן? נָאר חַזַ"ל זָאגְן (נְדָרִים מא ע"א): **אֵין עָנִי אֶלָא**

breslevcity.co.il

מִדַעַת. אוֹיךְ זָאגְט דָארְט דִי גְמָרָא: דְדָא בֵּיהּ כּוּלָא בֵּיהּ, דְלָא דָא בֵּיהּ מַה בֵּיהּ. דַעַת קָנִיתָ מַה חָסַרְתָּ. דָאס הֵייסְט, אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל פֶּעלְט אִים גָארְנִישְׁט, אוּן עֶר הָאט אַלֶעס, אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, הָאט עֶר גָארְנִישְׁט. וָואס אִיז שֵׂכֶל? אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא מִיט אִים, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים ד, לה): אַתָּה הָרְאֵתָ לָ'דַעַת' כִּי הַוַיָ"ה הוּא הָאֱלֹקִים אֵין עוֹד מִלְבַדוֹ, דָאס דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אִין זִיךְ אַרַיין נֶעמֶען.

ג.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סְפָרִים (מַגִיד דְבָרָיו לְיַעֲקֹב, אוֹת רנ"ט; חֶסֶד לְאַבְרָהָם (רַאדָאמְסְק) מוֹעֲדִים; וְעוֹד): אַז וֶוען מֶען זִיצְט אִין דִי סוּכָּה אִיז מוֹרָא'דִיג מְסוּגָל צוּ בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער - אוּן פּוֹעֶלְ'ן - וָואס מֶען וִויל, וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָארְטְן. דֶערְפַאר אֲפִילוּ אַ פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר זִיצְט אִין דִי סוּכָּה, שְׁפִּירְט עֶר אַ דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט, אוּן אַ מוֹרָא'דִיגֶע זִיסְקֵייט.

breslevcity.co.il

וֶועגְן דֶעם נָאכְדֶעם וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָׁנָה, וָואס דֶעמָאלְטְס הָאט מֶען פַארְשְׁרִיבְּן אַלֶעס וָואס עֶס וֶועט זַיין מִיט אִים אַ גַאנְץ יָאר, וַוייל אֲפִילוּ וָואס וֶועט זַיין מִיט יֶעדֶע שְׁטִיקְל עֶרְד, וֶוערְט אוֹיכֶעט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אִין הִימְל, כָאטְשׁ דָאס אִיז שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין מִיטְן מֶענְטְשְׁלִיכְן שֵׂכֶל, אוּן נָאר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, אַזוֹיווִי מִיר גֶעפִינֶען אִין פָּסוּק (תְּהִלִים קמז, ד): **מוֹנֶה** מִסְפָּר לַכּוֹכָבִים לְכֻלָּם שֵׁמוֹת יִקְרָא, דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעט נֶעמֶען פַאר אַלֶע בִּילֵי בִּילְיַארְדְן וְכוּ׳ שְׁטֶערְן, וָואס מִיר קֶענֶען אֲפִילוּ נִישְׁט זֶעהְן, אוּן יֶעדֶע שְׁטֶערְן צֵיילְט עֶר מִיט אַ נוּמֶער, אוּן כַּבְיָכוֹל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הַאלְט דָאס אָן, קוּמְט אוֹיס אַז **דוֹמֵם**, צוֹמֵחַ, חַי, אִיז מוּשְׁגָח מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע הַשְׁגָחָה, עַל אַחַת כַּמָה וְכַמָה אַ מֶענְטְשׁ, וָואס אִיז אַ **מְדַבֵּר**, אִיז מוּשְׁגָח פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַלֶעס וָואס מִיט אִים וֶועט זַיין אַ גַאנְץ יָאר, וִויפִיל גֶעלְט עֶר וֶועט הָאבְּן, וִויפִיל פַּרְנָסָה עֶר וֶועט הָאבְּן, אַלֶעס וֶוערְט

breslevcity.co.il

אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן ׳רֹאשׁ הַשָּׁנָה׳. נָאכְדֶעם גֶעט מֶען אוּנְז נָאךְ זִיבְּן טֶעג צְוִוישְׁן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּפּוּר, וָואס אִין דִי זִיבְּן טֶעג קֶען מֶען זִיךְ עַקְשְׁנֶ׳ען: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל הָאבְּן בֶּעסֶערְס. אוּן ׳יוֹם הַקָּדוֹשׁ׳ חַתְמֶ׳ט מֶען, אָבֶּער אֲפִילוּ נָאךְ דִי ׳חֲתִימָה׳, גֵייט מֶען אַרַיין אִין דִי סוּכָּה, וָואס דֶעמָאלְטְס בַּאהַאלְט מֶען זִיךְ אִין דֶעם שָׁאטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אִין דִי לֶעצְטֶע טָאג, הָאבְּן מִיר ׳הוֹשַׁעֲנָה רַבָּה׳, וָואס דֶעמָאלְטְס גֶעט מֶען אַרוֹיס דִי ׳קְוִויטְלֶעךְ׳ (זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, צו, לא ע״ב.), קוּמְט אוֹיס אַז סוּכּוֹת קֶען מֶען נָאךְ אַלְץ פּוּעֶלְ׳ן בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אוּן זָאגְן: בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בִּין נִישְׁט מַסְכִּים, אִיךְ ווִיל אַ אַנְדֶערֶע צֶעטְל! אִיךְ ווִיל הָאבְּן בָּנֵי, חַיֵי, וּמְזוֹנֵי! וְכוּ׳.

breslevcity.co.il

## ד.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים (בְּנֵי יִשָׂשְׂכָר, תִּשְׁרֵי, מַאֲמַר י, אוֹת כב; וְעוֹד): אוֹיף דִי גְמָרָא (סוּכָּה יב ע״א): אַז דִי סְכַךְ פוּן דִי סוּכָּה דַארְף דַוְוקָא זַיין פוּן פְּסוֹלֶת גוֹרֶן וְיֶקֶב, וָואס דָאס קוּמְט צוּ וַוייזְן אַז פוּן דִי אַלֶע ׳פְּסוֹלֶת׳ וָואס דֶער מֶענְטְש הָאט גֶעטוּעֶן אַ גַאנְץ יָאר, אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר תְּשׁוּבָה גֶעטוּעֶן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּיפּוּר, פוּן דֶעם דַיְיקָא, וֶוערְט יֶעצְט אַ סוּכָּה. אוּן דָאס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע הִתְחַזְקוּת פַאר אַ מֶענְטְש, זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ צוּ זַיין, כָאטְשִׁיג עֶר טְרַאכְט בַּיי זִיךְ: אִיךְ בִּין דָאךְ אַזוֹי פַארְשְׁמִירְט, אוּן אַזוֹי נִידֶערִיג, אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעטוּעֶן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּעֶן. דַארְף עֶר אָבֶּער וִויסְן, אַז וִויבַּאלְד עֶר טוּט ׳תְּשׁוּבָה׳ וֶוערְט פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, זְכוּתִים. (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן כב).

דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (תִּקוּנֵי זוֹהַר, דַף כט ע״א): רוּפְט אָן דִי ד׳ מִינִים ׳מָאנֵי קְרָבָא׳, גֶעוֶוער פוּן אַ מִלְחָמָה. דָאס הֵייסְט, אַז אַ מֶענְטְש אִיז זוֹכֶה, אוּן עֶר נֶעמְט

breslevcity.co.il

דִי לוּלָב מִיטְן אֶתְרוֹג אוּן דִי עֲרָבוֹת מִיט דִי הֲדַסִים אִין דִי הֶענְט, הַאלְט עֶר דִי 'כְּלֵי-זַיִן' אִין זַיינֶע הֶענְט, אוּן וֶוען עֶר שָׁאקֶלְט מִיט זֵיי אוֹיף אַלֶע פִיר זַייטְן אוּן אוֹיבְן אוּן אוּנְטְן, אִיז עֶר מְגַלֶה אַז אַלֶעס אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק (וַיִקְרָא כד, מ): וּלְקַחְתֶּם 'לָכֶם' בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן פְּרִי עֵץ הָדָר וְכוּ' וּשְׂמַחְתֶּם 'לִפְנֵי הֲוָיָ"ה אֱלֹקֵיכֶם' שִׁבְעַת יָמִים. אַז דָאס וָואס מִיר נֶעמֶען דִי ד' מִינִים, נֶעמְט מֶען אִין זִיךְ אַרַיין אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, צוּ וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, בִּרְכַּת הָרְאִיָה וּפְרָטִיוֹת, ה, יט). אוּן אַז מֶען וֶועט לֶעבְן מִיט דֶעם, וֶועט מֶען אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (טִיוּל בְּפַּרְדֵס תִּנְיָינָא, אוֹת ה): אַז אִין דֶעם פָּסוּק (עוֹבַדְיָה א, כא): וְעָלוּ מוֹשִׁעִים בְּהַר צִיּוֹן לִ'שְׁפּוֹט אֶ'ת הַ'ר עֵ'שָׂו, אִיז מְרוּמָז דִי ד' מִינִים לוּ'לָב אֶ'תְרוֹג הָ'דָס עֲ'רָבָה. אַז דוּרֶעךְ דִי ד' מִינִים וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ (שָׁם): וְהָיְתָה לַה' הַמְּלוּכָה, אַז דִי מְלוּכָה וֶועט שׁוֹין זַיין נָאר פַאר בַּאשֶׁעפֶער,

breslevcity.co.il

און אַלֶע וֶועלְן אַנֶערְקֶענֶען אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין בַּאשֶׁעפֶער, און דָאס וֶועט זַיין דֶער שָׁלוֹם אוֹיף וָואס מִיר וַוארְטְן אַרוֹיס, אָבֶּער צוּקוּמֶען צוּ דֶעם קֶען מֶען נָאר דוּרֶעכְן צַדִיק.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קכ"ג): דֶער עִיקָר און דֶער יְסוֹד וָואס אַלֶעס אִיז גֶעוָואנְדְן אִין דֶעם; אַז מֶען זָאל זִיךְ צוּבִּינְדְן צוּם אֱמֶתְ'ן צַדִיק, און אָנְנֶעמֶען זַיינֶע וֶוערְטֶער, פּוּנְקְטְלִיךְ אַזוֹי וִוי עֶר זָאגְט, סַיי אַ קְלֵיינֶע זַאךְ און סַיי אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, און נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין קַיין טְרָאפּ פוּן זַיינֶע וֶוערְטֶער, און אַוֶועקְוַוארְפְן פוּן זִיךְ אַלֶע אַנְדֶערֶע חָכְמוֹת און מֵיינוּנְגֶען, און וִוילַאנְג עֶר הָאט נָאךְ אֲפִילוּ אַ טְרָאפּ אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל, הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שְׁלֵימוּת, און עֶר אִיז נִישְׁט צוּגֶעבִּינְדְן צוּם צַדִיק. אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י"ב): אַז אַ מֶענְטְשׁ גֵייט נָאךְ זַיין שֵׂכֶל, און עֶר נוּצְט אֵייגֶענֶע חָכְמוֹת, קֶען עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק פַּארְקְרִיכְן, און דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מִיט

breslevcity.co.il

חָכְמוֹת זֶענֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק פַארְקְרָאכְן, אוּן הָאבְּן נָאךְ קַאלְיֶע גֶעמַאכְט פַאר דִי וֶועלְט אוֹיךְ. אוּן דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז נִישְׁט צוּ נוּצְן דֶעם שֵׂכֶל, נָאר פָאלְגְן וָואס מֶען הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אוּן וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וָואס דָאס אִיז דֶער תַּמְצִית פוּן תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קפ"ו): דִי סִיבָּה פַארְוָואס דִי 'אַנְשֵׁי קֵיךָ"ה' (=קֵיסָר יָרוּם הוֹדוֹ) [וָואס דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף דִי אוּנְגַארִישֶׁע אִידְן,] הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַזוֹיפִיל מוֹפְתִים? ווייל בַּיי זֵיי אִיז דָאס אִידִישְׁקֵייט גֶעוֶוען אָן חָכְמוֹת, אוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אַ צַדִיק, הָאבְּן זֵיי גֶעגְלֵייבְּט, אַז אִין יֶעדֶע רִיר פוּנֶעם צַדִיק לִיגְט אִין דֶעם אַ כַּוָונָה, אוּן אֲפִילוּ בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה הָאבְּן זֵיי נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען דִי כַּוָונָה, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן וֶוען זֵיי זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, הָאבְּן זֵיי צוּבִּיסְלִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ זֶעהְן אוּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס דֶער דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמֵיינְט, אוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מִיר

מְרַמֵז גֶעוֶוען, וֶוען אִיךְ בִּין דָארְט גֶעוֶוען, אוּן וֶועגְן דֶעם הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן מוֹפְתִים. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִין אַלֶע דוֹרוֹת, דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן אַוֶועק גֶעלֵייגְט דֶעם שֵׂכֶל, אוּן גֶעפָאלְגְט יֶעדֶע זַאךְ בִּתְמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת, הָאבְּן גֶעהַאט גְרוֹיס הַצְלָחָה, אָבֶּער דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען חֲכָמִים, אוּן הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס, פַארְוֶוען, אוּן פַארְוואוּ, זֶענֶען פַארְקְרָאכְן.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְנַחֶם מֶענְדְל מְרִימֶענָאװו זי״ע הָאט גֶעהַאט אַ מְשָׁרֵת וָואס עֶר הָאט גֶעהֵייסְן הֶערְשׁ מְשָׁרֵת, אוּן צְווִישְׁן אַלֶע גַבָּאִים אִיז פַארְן הֵיילִיגְן צַדִיק נִישְׁט גֶעפַאלְן נָאר אִים, אוּן עֶר הָאט אִים אַלֶעס צוּגֶעשְׁטֶעלְט, אוּן בַּאדִינְט מִיטְן גְרֶעסְטְן גֶעטְרֵיישַׁאפְט, אוּן אָנְגֶעגְרֵייט דֶעם בֶּעט וְכוּ׳, אוּן עֶר הָאט יֶעדֶע זַאךְ נָאכְגֶעקוּקְט זַיין רֶבִּי׳ן, אוּן דִי וֶועלְט הָאט אִים אָנְגֶעקוּקְט ווִי אַ פָּשׁוּטֶ׳ער מְשָׁרֵת, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען אִים גֶערוּפְן, הֶערְשׁ מְשָׁרֵת, אָבֶּער וֶוען דֶער

breslevcity.co.il

הֵיילִיגֶער רִימֶענָאוֶוער זי״ע אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, הָאט מֶען אָנְגֶעפַאנְגֶען אַיינְצוּזֶעהְן זַיין גְרוֹיסְקֵייט, אוּן זֵייעֶר אַסאךְ חֲסִידִים הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט אוֹיף נֶעמֶען אַלְס אַ רֶבִּי, אִיז עֶר אַנְטְלָאפְן צוּם הֵיילִיגְן רָאפְּשִׁיצֶער רָב זי״ע, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט וֶוערְן אַ רֶבִּי, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ בִּין נָאר אַ מְשָׁרֵת.

דֶער סֵדֶר אִין רָאפְּשִׁיץ אִיז גֶעוֶועזְן, אַז וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען פַאר סוּכּוֹת הָאט מֶען גֶעבְּרֶענְגְט עֶטְלִיכֶע קֶעסְטְלֶעךְ אֶתְרוֹגִים, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רָאפְּשִׁיצֶער רָב זי״ע הָאט אַלֵיינְס אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דִי אֶתְרוֹגִים, אוּן הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר יֶעדְן קִינְד אַ אֶתְרוֹג, אוּן נַאטוּרְלִיךְ, פַאר 'הֶערְשׁ מְשָׁרֵת' הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן דֶעם שֶׁענְסְטְן אֶתְרוֹג, פַאר דִי קִינְדֶער פוּנֶעם רָאפְּשִׁיצֶער רָב זי״ע הָאט דָאס זֵייעֶר גֶעבַּאדֶערְט, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: טַאטֶע, פַאר 'הֶערְשׁ מְשָׁרֵת' וָואלְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ גֶעדַארְפְט גֶעבְּן אַ קַארְטָאפְל, וָואס וֵוייסְט עֶר וָואס אִיז אַ שֵׁיינֶע אֶתְרוֹג?! [וִוי

בַּאוואוּסְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רָאפְּשִׁיצֶער רָב זי״ע מִיט זַיינֶע קִינְדֶער גֶעוֶוען זֵייעֶר קְלוּג, וְוִידֶערְאוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הֶערְשׁ זי״ע, הָאט זִיךְ זֵייעֶר אוֹיסְבַּאהַאלְטְן] נָאךְ סוּכּוֹת הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רָאפְּשִׁיצֶער רָב זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זַיינֶע קִינְדֶער אוּן גֶעזָאגְט: אִיר הָאט גֶעהַאט קַארְטָאפְל! דֶער 'הֶערְשְׁל' וֶועט נָאךְ זַיין זֵייעֶר גְרוֹיס. וְכַךְ הֲוָה, נָאכְן הִסְתַּלְקוּת פוּן הֵיילִיגְן רָאפְּשִׁיצֶער רָב זי״ע, אִיז עֶר טַאקֶע גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער רֶבִּי, אוּן אַ פּוֹעֵל יְשׁוּעוֹת. אָבֶּער פוּן וואוּ אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ אַזַא מַדְרֵיגָה? ווייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם צַדִיק, אוּן יֶעדֶע זַאךְ הָאט עֶר נָאר גֶעטוּעֶן אַזוֹיווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵין חַיֵי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תקמ״ד).

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ אִינְגַאנְצְן אַוֶועק גֶעלֵייגְט מַיין שֵׂכֶל, אוּן אַזוֹי הָאבּ אִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט שֶׁעפְּל אוּן לֶעפְל, [אוּקְרַיינִישׁ אִידִישֶׁער

breslevcity.co.il

אוֹיס-שְׁפְּרַאךְ], דָאס הֵייסְט גֶענוּמֶען דָאס מֶערְסְטֶע וָואס עֶר הָאט גֶעקֶענְט, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ, וָואס לֵייגְט אַוֶועק זַיין שֵׂכֶל אוּן עֶר וֵוייסְט: 'אִיךְ וֵוייס נִישְׁט' וֶועט עֶר יֶעדֶעס מָאל מְקַבֵּל זַיין מֶער אוּן מֶער.

אָבֶּער דֶער טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַז כָּל זְמַן עֶר אִיז צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער, שְׁפִּירְט עֶר אַ מוֹרָא'דִיגֶע חַיוּת אִין דָאס הִתְקָרְבוּת, אוּן עֶר שְׁפִּירְט וִוי יֶעדֶעס וָוארְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים רֶעדְט צוּ אִים, אוּן עֶס אִיז אִים מְחַזֵק, אָבֶּער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, עֶר קוּמְט שׁוֹין צוּ זִיךְ, אוּן עֶר לֶערְנְט שׁוֹין וְכוּ', הֵייבְּט אָן צוּ וֶוערְן בַּיי אִים בִּילִיג דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן הֵייבְּט אָן צוּ מְזַלְזֵל זַיין אִינֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו', וְעַיֵין חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ב): אִיבֶּערָאל ווּאוּ עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַ רֶבִּי מִיט אַ תַּלְמִיד, אִיז דָאס מֹשֶׁה אוּן יְהוֹשֻׁעַ. וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן יְהוֹשֻׁעַ?

breslevcity.co.il

אַז עֶר הָאט אִינְגַאנְצְן אַוֶועק גֶעלֵייגְט זַיין שֵׂכֶל פַאר זַיין רֶבִּי'ן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת, לג, יא): יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן לֹא יָמִישׁ מִתּוֹךְ הָאֹהֶל, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק גֶערִירְט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ. דֶערְפַאר זָאגְן חֲזַ"ל (בָּבָא בַּתְרָא עה ע"א): 'פְּנֵי מֹשֶׁה כִּפְנֵי חַמָּה, פְּנֵי יְהוֹשֻׁעַ כִּפְנֵי לְבָנָה', דִי פָּנִים פוּן מֹשֶׁה הָאט גֶעשַׁיינְט אַזוֹי וִוי דִי זוּן, אוּן דִי פָּנִים פוּן יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעשַׁיינְט אַזוֹי וִוי דִי לְבָנָה. וָואס דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז פוּנְקְט אַזוֹי וִוי דִי לְבָנָה הָאט נִישְׁט קַיין אֵייגֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, נָאר עֶס שְׁפִּיגְלְט אָפּ דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי זוּן, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען יְהוֹשֻׁעַ, אַז עֶר הָאט 'זִיךְ' אִינְגַאנְצְן אַוֶועק גֶעלֵייגְט, אוּן עֶר הָאט נָאר מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מֹשֶׁה.

מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעטַייטְשְׁט, דָאס וָואס דֶער תַּרְגוּם יוֹנָתָן זָאגְט בַּיי דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי מְרַגְלִים (בַּמִּדְבָּר יג, טז): וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזֶעהְן דִי עֲנִיווּת פוּן יְהוֹשֻׁעַ, הָאט עֶר אִים אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן: 'יָהּ יוֹשִׁיעֲךָ מֵעֲצַת מְרַגְלִים', עֶר זָאל נִישְׁט גֶעכַאפְּט

breslevcity.co.il

וֶוערְן מִיט דִי מְרַגְלִים. אִיז שְׁוֶוער, וָואס הָאט דָאס אַ שַׁיְיכוּת? וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶעהְן זַיין עֲנִיווּת הָאט עֶר אִים גֶעוואוּנְטְשְׁן עֶר זָאל נִישְׁט גֶעכַאפְּט וֶוערְן מִיט דִי מְרַגְלִים? ! נָאר דֶער זֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (שְׁלַח, קנח ע"א): אַז דִי סִבָּה פַארְוָואס דִי מְרַגְלִים הָאבְּן גֶערֶעדְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל? וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז אִין חוּץ לָאֶרֶץ זֶענֶען זֵיי טַאקֶע גֶעוֶוען רֶבִּי"ס, אָבֶּער אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועלְן זֵיי נִישְׁט קֶענֶען זַיין מֶער קַיין מַנְהִיגִים, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט זַיין מַנְהִיגִים, הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען, אַז זֵיי וֶועלְן רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס, בְּמֵילָא וֶועלְן זֵיי נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ בְּלַייבְּן 'עֶפֶּעס'. אוּן מִיר גֶעפִינֶען (בַּמִדְבָּר יא כח, וּבְרַשִׁ"י שָׁם): וֶוען אֶלְדָד וּמֵידָד הָאבְּן נְבִיאוֹת גֶעזָאגְט; 'מֹשֶׁה מֵת וִיהוֹשֻׁעַ מַכְנִיס' מֹשֶׁה גֵייט שְׁטַארְבְּן, אוּן יְהוֹשֻׁעַ גֵייט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי אִידְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אִיז יְהוֹשֻׁעַ גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן אוּן גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ: 'אֲדֹנִי מֹשֶׁה כְּלָאֵם'. הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ

breslevcity.co.il

גֶעזָאגְט: הַלְוַואי זָאלְן אַלֶע זַיין רֶבִּי'ס. קוּמְט אוֹיס אַז מֹשֶה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזֶעהְן אַז יְהוֹשֻׁעַ וִויל נִישְׁט זַיין קַיין מַנְהִיג, נָאר עֶר וִויל אַז מֹשֶה רַבֵּינוּ זָאל בְּלַייבְּן דֶער רֶבִּי, הָאט יֶעצְט מֹשֶה רַבֵּינוּ מוֹרָא גֶעהַאט, אַז יְהוֹשֻׁעַ וֶועט זִיךְ צוּ שְׁטֶעלְן צוּ זֵיי, אוּן אוֹיכֶעט רֶעדְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, כָאטְשׁ זַיין כַּוָונָה אִיז וֶועגְן עֲנִיווּת, 'עֶר וִויל נִישְׁט אַז מֹשֶה רַבֵּינוּ זָאל שְׁטַארְבְּן', וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר אִים אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן, עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט צוּשְׁטֶעלְן צוּ דִי מְרַגְלִים, נָאר עֶר זָאל זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעבְּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַזוֹי וִוי מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי הִילוּלָא פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דַארְף מֶען וִויסְן אַז מִיר זֶענֶען אַלֶע תַּלְמִידִים אוּן חֲסִידִים, אוּן מִיר זֶענֶען מְקַבֵּל דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן אַז אֵיינֶער אִיז מֶער וִוי דֶעם אַנְדֶערְן, אַזוֹיווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן קפ"ז): אַז

breslevcity.co.il

אִיר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען וֶועט אִיר מִיר מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ זִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ הַאלְטְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן, אוּן לֶערְנֶען זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, אוּן צוּזַאמֶען זָאלְן מִיר שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן דִי גְאוּלָה, אוּן עֶס זָאל מְקוּיָּים וֶוערְן דֶעם פָּסוּק (עוֹבַדְיָה א, כא): **וְעָלוּ מוֹשִׁעִים בְּהַר צִיּוֹן לִ'שְׁפֹּט אֶ'ת הַ'ר עֵ'שָׂו**, וָואס דָאס אִיז דִי ד' מִינִים לִ'וּלב אֶ'תְרוֹג הַ'דַסִים עַ'רָבוֹת, וָואס דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען מַכְנִיעַ זַיין דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע קְלִיפּוֹת פוּן דִי ד' גָלִיוֹת: בָּבֶל, מָדַי, יָוָן, אֱדוֹם, (רַבֵּינוּ בְּחַיֵּי בְּשֵׁם הַמִּדְרָשׁ, כַּד הַקֶּמַח, אוֹת ל; וּבְפַּרְשַׁת אֱמוֹר). אוּן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ זִיצְן בְּסוּכַּת עוֹרוֹ שֶׁל לִוְיָתָן, אָמֵן.

**~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~**

breslevcity.co.il

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

כ"ק מרן רבינו

**אליעזר שלמה בן מלכה**

שליט"א

לרפואה שלימה לכל רמ"ח
אבריו ולכל שס"ה גידיו ולכל
טיפי דמיו.

breslevcity.co.il

# הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

## יואל בן רייזל נ"י
## וזוגתו
## גיטל בלומא בת צביה פערל תחי'

## וילדיהם
## יעקב הלל, נתנאל, רחל לאה,
## נפתלי צבי, חיה, פייגא, אליעזר שלמה.

הקדוש ברוך הוא ישפיע עליהם שפע ברכה והצלחה

ויתרחב להם בגשמיות וברוחניות ויזכו לרוות רוב נחת

דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כיה"ר.

breslevcity.co.il

# הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

## שלום בן חיה רבקה נ"י
## וזוגתו
## מרים אסתר בת ריזל תחי'

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, אמן כן יהי רצון.

breslevcity.co.il